**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

# יואל רוטה
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

בעזרת ה' יתברך

יום ה' פרשת נח, ב' מר-חשון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ווילסט מצליח זיין? ווילסט א סגולה אויף הצלחה? דער רבי זאגט (ספר המידות אות הצלחה חלק ב' סימן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד" ווער עס איז פרייליך, "עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ" ווערט האבן הצלחה; בדוק ומנוסה, ווער עס איז פרייליך - זעט הצלחה אין יעדע זאך.

די פראגע איז נאר, ווי אזוי איז מען פרייליך? און מיט וואס קען מען זיך פרייען? אויף דעם זאגט דער רבי, מען זאל זיך פרייען מיט די גוטע זאכן וואס מען האט. מיט שחרית מנחה מעריב, מיט ציצית, מיט תפילין, מיט דעם וואס איך היט שבת, מיט די פרוטות וואס איך געב פאר צדקה; יעדער איד אפילו דער וואס איז נאך ווייט פון קדושה, אויב וועט ער גוט קוקן וועט ער זען ווי ער איז אנגעפילט מיט מצוות כרמון.

לויף אוועק פון עצבות און מרה שחורה; שוין צייט צו פאלגן דעם רבי'ן און זיך פרייען מיט די גוטע זאכן. פריי זיך מיט 'שלא עשנו גוי', א גוי בין איך נישט, איך בין א איד, און מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען טוט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן י).

דאנק דעם אייבערשטן; ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן - ווערט מען נענטער צו אים.

נעכטן איז געווען א שיינע טאג אין ישיבה, מיר האבן מסיים געווען מסכת כתובות און היינט הויבן מיר אן מסכת נדרים. איך וויל דיר בעטן דו זאלסט אויך אנהויבן די מסכתא און לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, לימוד גמרא איז מזכך דעם מענטש און מטהר די נשמה; אפילו מען פארשטייט נישט דאס לערנען, מען זאגט נאר די ווערטער - איז דאס אויך מטהר די נפש, רוח ונשמה.

היינט נאכט וועט זיין די וועכנטליכע שיעור, מען וועט רעדן פון די חיזוק און שכל פון הייליגן רבי׳ן, אזוי ווי מיר האבן געלערנט ביי מוהרא״ש זכותו יגן עלינו.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יואל רוטה